# נח פּרילוצקי

# דער ייִדישער בעל-מלאָכה און דאָס ייִדישע לערנייִנגל

[_מאָמענט_ 21 אָקטאָבער / 3 נאָוועמבער 1911, נום. 243-244]

ס'איז שוין ניט איין מאָל אין אונדזער ייִדישער, העברעיִשער און רוסישער פּרעסע גערעדט געוואָרן וועגן דער טראַגישער דערשײַנונג, אַז דער ייִדישער בעל-מלאכה ווערט אַרויסגעשטופּט דורכן קריסטלעכן. דערהויפּט האָט זיך מיט דער וויכטיקער פֿראַגע אינטערעסירט דער פּעטערבורגער חבֿרה "מפֿיצי השׂכּלה".

אַז די פֿאַרשידענע באַראָטונגען, וואָס זענען די לעצטע יאָרן פֿאָרגעקומען מכּוח דעם דאָזיקן ענין, איז אַ סך מאָל ריכטיק אָנגעוויזן געוואָרן, אַז צווישן אַלע סיבות, וואָס זענען גורם דעם אונטערגאַנג פֿון ייִדישן האַנטווערקונג קלאַס, פֿאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט דער _מאַנגל_ בײַ אונדז אין _פּראָפֿעסיאָנעלער בילדונג_.

דער ייִדישער בעל-מלאכה גייט נישט האַנט אין האַנט מיט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פֿון האַנטווערקערײַ. ער איז געבליבן זייער הינטערשטעליק. אים זענען ניט באַקאַנט די נײַעסטע רעפֿאָרמען אין זײַן פֿאַך, די טעכנישע פֿאַרבעסערונגען און די עסטעטישע פֿאַרפֿײַנערונגען. דער ייִדישער בעל-מלאכה פֿאַרמעגט די נידריקסטע שטאַפּלען פֿון האַנדווערקער קלאַס. ער איז דער פּאַרטאַטש. ער גיט אַרויס די גראָבסטע, די געמיינסטע פֿאַבריקאַטן. די איידעלע אַרבעט געפֿינט זיך אין ניט-ייִדישע הענט. למשל, פֿון שוסטערײַ לעבן אין וואַרשע אַ סך אונדזערע ברידער. די בעסטע סאָרטן שוכוואַרג ווערן, אָבער, פּראָדוצירט כּמעט אויסשליסלעך דורך קריסטן. ווילט איר קויפֿן אַ פּאָר הײַנטמאָדישע עלעגאַנטישע שיך – מוזט איר אָנקומען צו אַ פּוילישן בעל-מלאכה.

די פֿראַגע באַרירט אויך אין זײַן בריוו אין רעדאַקציע ה[ער] ח. לעווינשטיין, וועלכן ס'איז מיר שוין אויסגעקומען צו דערמאָנען אין מײַן אַרטיקל "דער גראָשן, ייִדנליבע און פּאַטריאָטיזם." ער זאָגט:

"איינע פֿון די וויכטיקסטע סיבות, פֿאַר וואָס דער קריסטלעכער אַרבעטער-קלאַס איז מער ספּעציאַליזירט אין זײַן פֿאַך, געדולדיקער בײַ זײַן אַרבעט, און אַרבעט מיט מער לוסט און מוט, ווי דער ייִדישער אַרבעטער-קלאַס, – איז די אומאָרדנונג אין דער לער-צײַט פֿון די ייִדישע ייִנגלעך. דאָס קריסטלעכע ייִנגל, אַז מ'גיט אים אַוועק צו אַ מײַסטער אויף

די לער, וועט ער נישט אַוועקגיין, ביז ער ענדיקט מיט געדולד די לער-צײַט. ער קאָן ניט אַוועקגיין, ביז ער באַקומט פֿון מײַסטער אַ שײַן, אַז ער האָט געענדיקט זײַן טערמין, און – אָדער ער בלײַבט ווײַטער בײַ דעם זעלביקן מײַסטער, אָדער גייט צו אַן אַנדערן פֿון דעם אייגענעם פֿאַך. ער ספּעציאַליזירט זיך אין זײַן פֿאַך, ווערט דערצויגן געדולדיק און מוטיק אַרבעטן. דאָס ייִדישע ייִנגל וועט אין זײַנע פּאָר יאָר פֿון דער לער איבערוואַרפֿן זיך צו צוואַנציק מלכות – אַ פּאָר חדשים אַ שוסטער, אַ פּאָר חדשים אַ מענער-שנײַדער, אַ דאַמען-שנײַדער, אַ קאָוועל, אַ שלאָסער, אַ בראָנזאָוניק. און נאָך און נאָך – ער דאַרף ניט קיין שײַן פֿון פֿאַבריקע מײַסטערס, עס האָט בײַ אים קיין ווערט נישט, – און עס גייען אַזוי אַוועק די יונגע יאָרן בלויז אין איבערקלויבן, און אַם ענדע [צום סוף] טוט זיך אַ כאַפּ צו וועלכער עס איז מלאכה, אָבער וואָס פֿאַר אַ טעם, וואָס פֿאַר אַ געשמאַק האָט ער אין זײַן אַרבעט? ער אַרבעט מיט פֿאַרדראָס, אָן מוט, אָן געדולד, אָן לוסט. טוט אַ פֿרעג וועלכן עס איז ייִדישן מײַסטער וועגן זײַנע לערנייִנגלעך. אָ! צרות אויפֿן פּוד . שטענדיק זוכט ער לערנייִנגלעך, שטענדיק טוישן זיך בײַ אים לערנייִנגלעך און שטענדיק פֿעלן בײַ אים לערנייִנגלעך. אַלע צײַטונגען זײַנען פֿול מיט אַנאָנסן: מען זוכט לערנייִנגלעך. מע זוכט מיט ליכט און מע געפֿינט זיי נישט... פֿיל הונדערטער ייִדישע ייִנגלעך גייען אַרום ליידיק, פֿיל הונדערטער פֿירן אַרום קאַליקעס אָרעמע לײַט איבער די הײַזער, פֿיל הונדערטער ווערן גאַסנהענדלער מיט שוועבעלעך, צוקערלעך, לאָטערײַקעס, און פֿיל ווערן קעשענע-גנבים. אָט פֿון די אַלע קאַליע-געוואָרענע מענטשן וואָלט געקאָנט זײַן זייער פֿיל שיינע און געזונטע בעל-מלאכות. פֿון די אַלע, וואָס אין די יונגע יאָרן וואַרפֿן זיי זיך איבער בײַ צוואַנציק פּראָפֿעסיעס, און נאָך דעם דערפֿילן זיי ערשט זייערע טרויעריקע און עלנטע לאַגע, און כאַפּן זיך פֿאַר גאַסנהאַנדל אָדער ווערן האַלב-קאַליע-געמאַכטע אַרבעטער, – פֿון די אַלע וואָלט געקענט זײַן שיינע ספּעציאַליזירטע מוטיקע אַרבעטער, – אַזעלכע אַרבעטער, וואָס דאַרפֿן נישט זײַן מיט נויט אָנגעוואָרפֿן אויף דעם ייִדישן פֿאַבריקאַנט – ער וועט זיי זוכן מיט פֿאַרגענוגן האַלטן אין זײַן פֿאַבריק.״

מיט הער לעווינשטיינס לעצטער פֿראַזע קען מען דורכויס נישט מסכּים זײַן. ווי ״גוט״ און ווי ״רויִק״ דער ייִדישער אַרבעטער זאָל נישט זײַן, וועט דאָך ניט יעדער ייִדישער פֿאַבריקאַנט אים געבן אַרבעט. נישט דאָ איז דאָס אָרט גענויער אויף דעם ענין זיך אָפּצושטעלן, נאָר פֿאַר איטלעכן וואָס איז נאָר עטוואָס נאָענט צו דער ייִדישער גאַס, איז קלאָר ווי דער טאָג אַז די איינציקע אורזאַך, פֿאַר וואָס ייִדישע אַרבעט-געבער בויקאָטירן דעם ייִדישן האַנטווערקער, איז דער אַנטי-סעמיטיזם, – די שענדלעכסטע פֿון אַלע שענדלעכע אומנאָרמאַלישע דערשײַנונגען, וועלכע אונדזער געשיכטע וויס.

נישט ריכטיק איז אויך די פֿאַרזיכערונג, אַז "אַלע צײַטונגען זײַנען פֿול מיט אַנאָנסען: מע זוכט לערנייִנגלעך." – די צאָל פֿון אַזעלכע מודעות אין דער ייִדישער פּרעסע איז, פֿאַרקערט, זייער קליין.

מ'קאָן נישט אָפּלייקענען דאָס אומעטיקע בילד, וועלכעס דער אויטאָר פֿון בריוו שילדערט, דערציילנדיק ווי אַזוי עס גייען אַוועק די יונגע יאָרן פֿון ייִדישן לערנייִנגל, וואָס וואַרפֿט זיך איבער צו צוואַנציק מלאכות און בלײַבט, דעריבער, ניט מער ווי אַ פּאַרטאַטש.

אָבער צי קאָן מען די גאַנצע שולד אַראָפּוואַרפֿן אויפֿן לערנייִנגל, ווי דאָס טוט דער בראָנזאָוונִיק פֿון די נאַלעווקעס?

אויב ער איז אויפֿן רעכטן אמת אַזוי אומפּאַרטייִש, ווי ער פֿאַרזיכערט, – פֿאַר וואָס פֿאַרמאַכט ער די אויגן אויף די באַציונג פֿון ייִדישן מײַסטער צו זײַנע לערנייִנגלעך?

מיינט הער לעווינשטיין אַז דער מײַסטער דערפֿילט ערלעך זײַנע פֿליכטן בנוגע צו די אָרעמע קינדער וועלכע מ'טרויט אים אָן, ער זאָל זיי געבן אַ פֿאַך אין האַנט?

איך וועל מיר דערלויבן צו ברענגען מכּוח דער פֿראַגע עטלעכע קאַרגע, רויִקע ווערטער פֿון דעם פֿלוגבלאַט, וואָס די "וואַרשטאַטן צו לערנען מלאכות, פֿון דער וואַרשעווער ייִדישער געמײַנדע," האָבן אַרויסגעלאָזט.

יעדער פֿאַרשטייט, – ליינען מיר דאָרט, – ווי וויכטיק עס איז, אַז אַ יונגער מענטש זאָל האָבן אַ פֿאַך אין האַנט, באַזונדערס בײַ הײַנטיקער צײַט, ווען דער לעבנסקאַמף איז זייער שווער, דער האַנדל און די אינדוסטריִע זענען אויף יעדן שריט און טריט געשטערט. נאָר גרונטלעך דערלערנען אַ פֿאַך קאָן מען בשום אויפֿן נישט אין קיין פּריוואַטן וואַרשטאַט. ווײַל – ערשטנס – נישט יעדער מײַסטער איז אַ גוטער לערער; צווייטנס, האָט דער מײַסטער קיין צײַט און קיין חשק נישט דאָס לערנייִנגל צו לערנען; און דריטנס, מוז דאָס לערנייִנגל דאָס מײַסטער צאָלן אָפּט מאָל גאַנץ באַדײַטנדיקע סומעס געלט..."

האָט דען איטלעכס אָרעם ייִדיש קינד די מעגלעכקייט די דאָזיקע קאָסטן צו טראָגן?

און נאָך:

.... ווען אַפֿילו עס טרעפֿט אַ מאָל אַ מײַסטער, וועלכער באַציט זיך ערלעך צום לערנייִנגל און וויל אים פֿון גאַנצן האַרצן אויסלערנען דעם פֿאַך, קאָן ער אים, אין בעסטן פֿאַל, נאָר איין טייל אויסלערנען, אָבער ניט דעם פֿאַך אין גאַנצן, פֿון אָנהייב ביזן סוף, ווי געהעריק, ווײַל, ווי באַוווּסט, איז איצט אין מײַסטן פֿאַבריקן און וואַרשטאַטן אײַנגעפֿירט די צוטיילונג פֿון דער

אַרבעט אויף פֿאַרשיידענע אָפּטיילונגען. אַזוי, למשל, אַרבעט מאַנכער שלאָסער נאָר באַשלאָג צו פֿענסטער און טירן, אַ צווייטער מאַכט נאָר שלעסער; איין סטאָליאַר מאַכט בלויז שענק, דער צווייטער אַרבעט ספּעציעל טישן אָדער שטולן. דער, וואָס קען נאָר אַ טייל פֿון גאַנצן האַנטווערק, הייסט נאָך ניט קיין רעכטער בעל-מלאכה. אַזאַ ספּעציאַליסט קאָן לײַכט ווערן אויס פֿאַכמאַן און בלײַבן אָן ברויט. אַ זאַוויעסע-מאַכער פֿאַרלירט זײַן פּרנסה, ווען עס שטייט אויף אַ פֿאַראָווע זאַוויעסע פֿאַבריק מיט גרויסן קאַפּיטאַלבאַטריב. ווער ס'קען, אָבער ריכטיק זײַן פֿאַך, וואַרפֿט זיך לײַכט איבער פֿון איין ספּעציאַליטעט אויף דער אַנדערער; הײַנט האָט ער געאַרבעט בײַ באַנגענשטאַנגען, מאָרגן אַרבעט ער הערמעטישע טירן צו אויוונס אָדער קאַנאַליזאַציע. מאַנכע ספּעציאַליטעטן ווערן גאָרנישט געאַרבעט אין פּריוואַטע יידישע וואַרשטאַטן – אויסער דעם, בײַ הײַנטיקן צושטאַנד פֿון דער טעכנישער וויסנשאַפֿט, פֿון וועלכער עס איז אָפּהענגיק פֿון אַלע מלאכות און פֿאַכן, מוז יעדער פֿאַכמאַן האָבן כאָטש עלעמענטאַרישע ידיִעות וועגן געאָמעטריִע, טעכנאָלאָגיע, מעכאַניק, ער מוז אויך קענען צייכענען און ד[אָת] ג[לײַך].

דאָס אַלץ קאָן דער מײַסטער דעם לערנייִנגל, בײַ זײַן בעסטן ווילן, נישט געבן. פֿון דעם אַלעם, וואָס איך האָב געזאָגט אין דעם פֿריִערדיקן אַרטיקל, איז בולט, אַז אָנהייבן דעם מעמד פֿון ייִדישן בעל-מלאכה-קלאַס איז מעגלעך נאָר דורך אָרגאַניזאַציע פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלישער בילדונג אין דער ייִדישער גאַס.

יעדער שריט, וואָס ווערט געמאַכט אין דער דאָזיקער ריכטונג, האָט אומגעהײַערע באַדײַטונג פֿאַרן עקאָנאָמישן לעבן פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן.

עטלעכע אמת גוטע, אמת אָנגענעמע מינוטן האָב איך, דעריבער, געהאַט מיט אייניקע וואָכן צוריק, באַזוכנדיק די ״וואַרשטאַטן צו לערנען מלאכות״ פֿון דער ייִדישער גמינע, אויף גזשיבאָווסקי גאַס, ווו אַהין עס האָט מיך אײַנגעלאַדן איינער פֿון די נאַציאָנאַליש-געשטימטע דאָזאָרצעס, ה[ער] יוסף לעוויט, וועלכער האָט די לעצטע צײַט זיך הייס פֿאַראינטערעסירט מיט דער דאָזיקער העכט סימפּאַטישער שולע.

די דערמאָנטע וואַרשטאַטן צוטיילן זיך אויף 5 אָפּטיילונגען: די ערשטע (שלאָסערײַ) צופֿאַלט זיך אויף דרײַ ספּעציאַליטעטן (שמידאַרבעטער, אַרטיסטישע שלאָסער, מעכאַניקער). – דאָ ווערן געמאַכט: פֿײַערקאַסעס, ווערקצײַג, פֿיזיקאַלישע אינסטרומענטן, קאָפּיר-מאַשינען, שטאַנצן, און נאָך אַזעלכע זאַכן, אַלץ נאָך אייגענע צייכנונגען.

די צווייטע אָפּטיילונג גיט אַרויס עלעקטראָמאָנטערן. – דאָ לערנט מען ייִדישע קינדער אינסטאַלירן מאָטאָרן, דינאַמאָ מאַשינען מיט אַלע צוגעהעריקע אינסטרומענטן, עלעקטרישע סיגנאַליזאַציע, טעלעפֿאָנען, נומעראַטאָרן; בויען פֿאַרשידענע עלעקטרישע אַפּאַראַטן,

זעלבסטשטענדיק אויספֿירן עלעקטרישע פּלענער און באַרעכענען פּרויעקטן. – די שילער באַטייליקן זיך אין דער קאָנטראָלע פֿון די וואַרשעווער שטאָטישע עלעקטרישע אינסטילאַציעס אונטער דער לייַטונג פֿון אַן עלעקטראָ-ענזשינער. אין דער סטאָליאַרסקע אָפּטיילונג ווערט אויסגעאַרבעט אייַנפֿאַך מעבל און פּאָליטור פֿאַבריקאַטן, טירן, פֿענסטער, פֿולשטענדיקע אייַנריכטונגען פֿאַר געוועלבער און קאַנטאָרן, – אויך נאָך אייגענע צעכנונגען. אין דער בלעכערייַ ווערן פֿאַרפֿאַרטיקט: עמערס, קריגן, וואַנעס מיט אויוונס פֿון פֿאַרשידענע סיסטעמען, פֿיזיקאַלישע אינסטרומענטן, גזימסען, קראָקשטינעס, קאַסעטקעס מיט שלעסער, מאַשינעס צו קאַווע, ווענטילאַטאָרן און אַז[אוי] וו[ייַטער].

ענדלעך, אין דער פֿינפֿטער אָפּטיילונג ווערט אויסגעאַרבעט די פֿאַרשידענסטע באָרשטן.

אין באַזוכער-בוך פֿון די וואַרשטאַטן געפֿינען זיך עטלעכע מיינונגען פֿון פּערזאָנען, וואָס זענען אויף דעם געביט זייער אויטאָריטעטיש. אַלע לויבן זיי שטאַרק די ייִדישע פּראָפֿעסיאָנעלישע שולע.

דער קוראַטאָר פֿון דער וואַרשעווער לער-ריַיאָן וו. ליגין שרייַבט: "מיט באַזונדערער צופֿרידנקייט האָב איך באַזוכט די וואַרשטאַטן פֿון דער וואַרשעווער ייִדישער געמייַנדע פֿאַרוואַלטונג. זיי האָבן געמאַכט אויף מיר אַ זייער אָנגענעמען אייַנדרוק." "דער באַזוך פֿון די וואַרשטאַטן האָט געמאַכט אויף מיר דעם בעסטן אייַנדרוק, הן וואָס אָנבאַלאַנגט די פֿאַכבילדונג, אַזוי אויך די דערציונג," – דריקט זיך אויס ד"ר מייַכראָוויטש, מיטגליד פֿון לאַנדשולנראַט אין לעמבערג.

דער דירעקטאָר פֿון מוזעום פֿאַר אינדוסטריִע און לאַנדווירטשאַפֿט, י. לעסקי, איז אַנציקט: – "די וואַרשטאַטן דאַרפֿן דינען אַלס מוסטער, ווי צו אָרגאַניזירן און פֿירן אַזעלכע אינסטיטוציעס, אום די אַרייַנגעלעגטע אַרבעט און ענערגיע זאָלן ברענגן זיכערן נוצן פֿאַר דער מענטשהייט."

ענלעך זאָגט דער געזאַנדטער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין צפֿון-אַמעריקע, ראָבערט קרוטקעס: "איך בין געוועזן אַנציקט, באַזוכנדיק די פּראַכטפֿולע אינסטיטוציע. איך ווינטש, זי זאָל דינען פֿאַר אַזעלכע אינסטיטוציעס אַלס מוסטער, באַזונדערס פֿאַר ייִדישע געמייַנדעס. – קיין שום איינלעכע אינסטיטוציע, וועלכע איך האָב באַזוכט אין רוסלאַנד, גיט מיר נישט אַזאַ האָפֿענונג פֿאַר די ייִדישע צוקונפֿט, ווי די פּראַכטפֿולע אינסטיטוציע פֿון דער וואַרשעווער געמייַנדע."

עטלעכע טעג פֿאַר די ימים-נוראָים, איז אין לאָקאַל פֿון די וואַרשטאַטן אייַנגעאָרדענט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פֿון זאַכן, וועלכע די שילער האָבן אַליין געמאַכט, – און די דאָזיקע אויסשטעלונג האָט מיך איבערצייַגט, אַז די אויבן געבראַכטע לויבענישן זענען לגמרי נישט איבערטריבן. די

עקספּאָנענטן זענען אויסגעלעגט געוואָרן לויט די אָפּטיילונגען. ניט ווילנדיק, פֿאַרשטייט זיך, מאַכט מען אַ פֿאַרגלײַך צווישן די זאַכן פֿון די באַזונדערע פֿאַכן, און צום כּבֿוד פֿון די פּערזאָנען וואָס פֿירן די וואַרשטאַטן , – די אינזשענערן חאַלפּערן, פּאָזנאַנסקי, מעדרעס און טשערניקאָוו, מוז אָנגעמערקט ווערן אַז אַלע אָפּטיילונגען שטייען אויף איין הייך. ס'איז קענטיק, אַז מיט גרויס ליבע און איבערגעבנקייט פֿאַרהאַלטן זיך די דערמאָנטע לײַט צו זייער ניט גרינגער פֿליכט. דער אַלגעמיינער אײַנדרוק פֿון דער אויסשטעלונג איז געווען אַ סאָלידער. ס'האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן, אַז דאָס לערנען מוז אין די וואַרשטאַטן זײַן אַוועקגעשטעלט אויף אַן ערנסטן באָדן, און געפֿירט ווערן לויט אַ ריכטיקן סיסטעם. קיין פּאַרטאַטשעס קאָנען שוין פֿון אַזאַ שולע ניט אַרויסגיין. אום אויסצואַרבעטן אַזעלכע זאַכן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אויף דער אויסשטעלונג, – וועלכע שיינע קראָקשטינעס און גזימסען, אַזעלכע ריינע שענק און טישלעך, אַזעלכע פּינקטלעכע עלעקטרישע אַפּאַראַטן און אינסטאַלאַציעס, אַזעלכע איידעלע פֿיזיקאַלישע אינסטרומענטן, – מוז מען דורכגיין אַ זייער סיסטעמאַטישע, זייער ערנסטע, זייער געוויסנהאַפֿטיקע לער, – און אַזאַ פֿאָרברײַטונג קריגן, אַ פּנים, די ייִדישע קינדער אין די וואַרשטאַטן פֿון גזשיבאָווסקי גאַס. אייניקע פֿאַבריקאַנטן טראָגן אויף זיך דײַטלעכע צייכנס פֿון אַרטיסטישן גײַסט. די ייִנגלעך, וואָס האָבן די זאַכן געמאַכט, זענען שוין עפּעס מער ווי בעל-מלאָכות. זיי ברײַנגען שוין אַרײַן פֿײַנגעפֿיל אין זייער אַרבעט. עס איז שוין נישט קיין ווונדער, וואָס די שילער מיט אַ צײַגניש פֿון דער שולע, פֿון וועלכער איך רעד, ווערן זייער גערן אָפּגענומען אין די בעסטע פֿאַבריקן און ווערקשטיבער, אַפֿילו נישט-ייִדישע, און פֿאַרדינען זייער פֿײַן. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, נייטיקט זיך נאָך די שולע אין אייניקע רעפֿאָרמען. קודם קאָל איז נייטיק, זי זאָל מער _פֿאַרייִדישט_ ווערן, דאָס לערנען דאַרף פֿאָרקומען אין דער מוטערשפּראַך פֿון די שילער. דאָס איז אַן אַקזיאָמע, וועלכע נייטיקט זיך נישט אין איבעריקע ראיות. נאָר מיר וועלן האָפֿן, אַז מיט דער צײַט וועט דאָס אויך קומען. ושנית, – וואָלט די דאָזיקע שולע געדאַרפֿט פֿיל פֿאַרברייטערט ווערן. אַזאַ קהילה, ווי וואַרשע, מעג זיך פֿאַרגינען וואַרשטאַטן, אין וועלכע עס זאָלן באַקומען פּראָפֿעסיאָנעלישע בילדונג טויזנטער ייִדישער קינדער. נאָר דאָס הענגט שוין אַ סך אָפּ אָן דער באַציונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג צו דער אומגעהײַער נוצלעכער אינסטיטוציע. אויף דעם דאָזאָרשטיבל ליגט, ווידער, אַ חובֿ צו פֿאַראינטערעסירן דאָס גרויסע פּובליקום מיט דעם אַנשטאַלט, וואָס האָט אַן ערשט-קלאַסיקע וויכטיקייט פֿאַרן עקאָנאָמישע וויל-באַשטאַנד פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן אין פּוילן. אַזעלכע אויסשטעלונגען, ווי די פֿאַר-יום־טובדיקן דאַרפֿן אָפֿטער אײַנגעאָרדענט ווערן. און נישט צוויי טעג באַדאַרף אַן אויסשטעלונג געדויערן, נאָר אַ פּאָר וואָכן. און נישט אַזוי שטיל באַדאַרף זי געמאַכט ווערן, – נאָר מיט מער אַגיטאַציע. מודעות אין די צײַטונגען. געדרוקטע קאַטאַלאָגען. פּלאַקאַטן אויף די גאַסן. דאַן וועלן אפֿשר קאָנען געשאַפֿן ווערן די מיטלען, וואָס זענען נייטיק אויף ברייטער אַוועקצושטעלן די זאַך. וואָרום,

איך חזר-איבער: דער עקאָנאָמישער אונטערגאַנג פֿון פּוילישן ייִדנטום גייט צו מיט שרעקלעכער שנעלקייט, און אין קאַמף מיט דער דאָזיקער לעבנס-געפֿערלעכער דערשייַנונג פֿאַרנעמען די פּראָפֿעסיאָנעלישע שולן פֿון דעם טיף, ווי די אויף גזשיבאָווסקי גאַס, איינס פֿון די ערשטע פּלעצער.

[נח פּרילוצקי, _אין פּוילן; כּמעט אַ פּובליציסטיש טאָגבוך, 1905-1911_, זז' 271-278], וואַרשע: פֿאַרלאַג ייִדיש, [1921].